# זכר מלמדים לברכה

לעכטיגע זכרונות, הדרכות און הנהגות פון אונזערע אַמאָליגע געהויבענע מלמדים זכרונם לברכה •
**שמואל שלמה טעללער, קרית יואל**


**טייערע אנ"ש חברי "אהבת קדומים"**
ביטע רופט אַריין 845.783.0735
**און גיבט איבער זכרונות פון אייערע אַמאָליגע מלמדים**
לאָזט אויך איבער אייער נאָמען און טעל. נומער אַז מיר זאָלן אייך קענען צוריקרופן אויב ס'פעלט אויס
מיט דאַנק פון פאָראויס - וזכות הרבים תלוי בכם




## הגאון הצדיק רבי שמעון זאב מיללער זללה"ה

אב"ד אראד – מרביץ תורה במוסדותינו הק'

י

## טעם הצב"י

אין א שמועס מיט הרב החסיד **ר' דוד הערש מערץ הי"ו** מלמד מומחה במוסדות סאטמאר-וויליאמסבורג שילדערט ער זיינע זכרונות וואס ער געדענקט פון יענע לעכטיגע צייטן ווען ער האט זוכה געווען צו מיטלעבן די געהויבענע התנהגות פונעם אראדער רב, און זיין באציאונג מיט די תלמידי תשב"ר:

"איסער דעם וואס איך האב געהאט די זכי'ה אלס קינד אז דער אראדער רב זצ"ל האט מיך פיל מאל פארהערט [אין מחנה רב טוב, נעפאנעק], וואס פילע טייערע ענינים זענען מיר געבליבן איינגעקריצט אין מח. פונקט ווי פאר אלע תלמידים פון יענע צייט.

## די השפעה אויף די תלמידים

ווי צום ביישפיל: דער אראדער האט יעדע מינוט אריינגעברענגט אין די תלמידים, א חשק אין לערנען. צו פארשטיין 'קלאר' די גמרא מיט א קלארע הבנה. צו לערנען מיט יראת שמים. עס ליגט נאך אין זכרון פילע ענינים פון יענע צייט.

איך געדענק איינמאל האט ער געזאגט פאר די תלמידים, וזה לשו"ק "עס שטייט אין הייליגן ספר אור צדיקים [פון מהר"ם פאפירוש זצ"ל מגורי האר"י ז"ל] אז עס איז א סגולה צו געדענקן דאס לערנען, צו קושן דעם ספר, סיי פארן לערנען, און סיי נאכן לערנען".

ווי באוואוסט האט דער אראדער רב זצ"ל געהאט א גאר הויכע קול, א שטארקע שטימע, א 'שאגת ארי'. ווי רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע האט זיך אויס געדרוקט, ווען ער האט דערמאנט ביי די 'תקיעת שופר דרשה' שנת תשמ"ז, דעם גרויסע 'חלל' וואס מיר שפירן מיט די פטירה פון אראדער רב - ביי די לויה האט דער רבי זכרונו לברכה זיך נישט געקענט באטייליגן, צוליב א חתונה פון נכדו החשוב שליט"א אין יענע נאכט - וזה 'לשון קדשו': "ווען דער אראדער רב האט געזאגט קדיש, האבן די ווענט אין בית המדרש געציטערט", און עס איז אמת געווען אויך 'פשוטו כמשמעו'. [דער אראדער רב זצ"ל האט שטענדיג געזאגט אלע קדישים]. און דאס ליגט אין טיפן הארצן ביי די דעמאלסטדיגע תלמידים. מען האט זיך פשוט אויס געלערנט ווי אזוי מען דאווענט. הויעך, קלאר ארויס זאגן יעדעס ווארט, אריין קוקן אין סידור, אד"ג.

בפרט ליגט אין קאפ - ווי שוין ארויס געברענגט אין די פריערדיגע ארטיקלען - די ערליכע 'ה' מלך' ביי שלש סעודות, ווי ער האט אנגעהויבן בקול רם, מיטן לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתי'ה וכו'. די ווענט האבן געציטערט, און די תלמידים זענען דערהויבן געווארן.

אויך געדענקן מיר יעדן זומער, שבת חזון, ווען ער האט געזאגט די גאנצע הפטורה שטייענדיגערהייט, בקול רעש גדול, מיט בכיות עצומות, אז עס איז אריין ביי די קינדער אין מח, וואס דאס מיינט צו וויינען אויפן חורבן בית המקדש, שיבנה במהרה בימינו. די קינדער האבן ליב געהאט אים צו גיין פרעגן פארשידענע שאלות בימי בין המצרים, כדי צו הערן פון אים דעם 'כדאי הוא בית אלקינו'. עס האט אונז פשוט נאנט געברענגט צו השי"ת.

## פון א מלמד'ס בליק

אבער איך וויל בעיקר ברענגען די זכרונות וואס איך האב, פון די צייטן וואס איך האב אריין געכאפט באחרית ימיו שוין אלס 'מלמד' אין תלמוד תורה טרופ עווועניו, ווי ער האט וועכענטליך פארהערט ביי מיר אין כתה.

דער אראדער רב זצ"ל האט אריין געלייגט כוחות עצומות אין דעם פארהער. ער האט געהאלטן א חשבון וועלכער תלמיד עס שטייגט, אדער חלילה פארקערט. ער האט געזאגט פארן אינגל, "די וואך זאגסטו בעסער ווי פאריגע וואך". אדער אמאל פארקערט, "דו דארפסט בעסער קענען". ער האט פארלאנגט א קלארע הבנה.

ער האט זייער פארלאנגט א שטארקע דרך ארץ זיצנדיג ביים פארהער. יעדער זאל האבן א שיינע גמרא [נישט א צוריסענע], זאגן הויעך, זיצן גלייך, אד"ג.

איך וועל ברענגען עטליכע עובדות:

## די פשוט'ע פשט אין די רש"י...

אמאל האט דער אראדער רב פארהערט ביי מיר אין כתה מס' ביצה. א אינגל האט געזאגט א רש"י. איך האב געזען אז דער אראדער רב איז נישט צופרידן פון די פשט וואס דער אינגל זאגט. האב איך אים געזאגט שטילערהייט, "איך האב אזוי געלערנט פשט אין די רש"י".

פרעגט ער מיך "פארוואס האסטו אזוי געלערנט"? האב איך אים געזאגט ווייל אזוי לערנט דער 'פני י'הושע' פשט אין רש"י. האט ער געזאגט ברענגט מיר זיי מוחל דעם פני י'הושע, ער קוקט אריין, ער זעהט טאקע אזוי. ער האט אויף געהויבן דעם פני י'הושע און א קוש געגעבן, און ער האט מיר געזאגט, "עפר אני תחת רגליו הטהורים פון הייליגן פני י'הושע, אבער פשט אין רש"י זאלסטו לערנען אזוי ווי איך זאג". מיינענדיג אז מען דארף לערנען די פשוט'ע פשט.

## אכטונג געגעבן אויף חשש שתי וערב

ווען ער פלעגט אריין קומען אין חדר, פלעגן די מלמדים האבן א עקסטער בענקל פארן

פאראהערער. איינמאל, האב איך אים איבער געגעבן מיין בענקל. א בענקל מיט 4 פיסלעך מיט רעדלעך. ער זאגט מיר, "ניין, איך דארף א אנדערע בענקל".

איך האב גלייך געכאפט, מסתמא וויל ער נישט זיצן אויפן בענקל, צוליב א חשש 'שתי וערב' אונטן ביי די רעדלעך. יא, ער האט מיר באשטעטיגט, יא טאקע, דאס איז די סבה. האב איך אים געפרעגט, א 'שתי וערב' איז דאך אויבן קלענער ווי אונטן, און דא זענען אלע פיסלעך גלייך.

האט ער מיר געזאגט, "זיי מוחל, ברענגט מיר נאר א מס' סוכה, מיט רא"ש". האב איך אים געברענגט, וויזט ער מיר אז דער רא"ש שרייבט (מס' סוכה פרק ג' סי' כ"ו) אז בשעת די נענועים מיט די ד' מינים, זאל מען אכטונג געבן עס זאל נישט אויס קוקן ווי א 'שתי וערב', כאטש מען מאכט די נענועים אויף אלע 4 זייטן גלייך.

## זיין ווייטער בליק

איינמאל האט דער אראדער רב זצ"ל געהייסן א אינגל זאגן די גמרא. דער אינגל האט געזאגט מיט א חיות ממש א מחי'ה. אבער אראדער רב איז נישט געווען צופרידן, ער פרעגט דעם אינגל "זאג נאר, דו לערנסט מיט יראת שמים? 'תורה' דארף מען לערנען מיט יראת שמים". עס האט מיך אנגעכאפט א אנגסט "וואס וויל דער אראדער רב פון דעם אינגל?! ער זאגט דאך אזוי גוט".

ליידער עטליכע יאר שפעטער, דער אינגל איז שוין געווען א 16-17 יאריגער בחור, דער בחור האט זיך אנגעהויבן צו פיצן, מגושם צו ווערן, ביז ער האט ל"ע געגליטשט מער און מער.

דעמאלטס האב איך געזעהן דעם ווייטן בליק פון אראדער רב, ער האט שוין געשמעקט אלס קינד אז פאר דאס קינד פעלט יראת שמים.

ב"ה, שפעטער איז דער תלמיד שיין צוריק געקומען, און היינט איז ער א פיינער בעל הבית, מיט א שיינע שטוב.

## ווי אזוי מאכט מען א ברכה

יעדעס מאל, אין יעדע חדר וואו דער אראדער רב איז אריין פארהערן, האט ער געבעטן א אינגל זאל אריין גיין אין מלמדים שטוב, און אים ברענגען א קאווע. איינמאל האט ער געזאגט פאר די מלמדים "איר מיינט אז איך דארף די קאווע, איך וויל פשוט ווייזן פאר די תלמידים ווי אזוי מען מאכט א ברכה". ער פלעגט טאקע זאגן בקול רם, קודם דעם לשם יחוד, [כמבואר בצעטיל קטן] און נאך דעם, די ברכות הנהנין מיט זיין קול רם, און אלע תלמידים האבן בקול רם געענטפערט דעם אמן. עס האט אריין געשיינט אין זיי די יראת שמים און חביבות המצוות.

## א גאר שטארקער פיקח

דער אראדער רב זצ"ל האט ליב געהאט צו שפילן ווי א 'תם'. מעגליך אזוי זיך צו דערווייטערן פון מחלוקת, אדער אנדערע סיבות.

איז געווען דעמאלטס דארטן [אין טרופ עווניו] א פיינער מלמד אין תלמוד תורה. ער האט אבער שטארק ליב געהאט די וועלטליכע נייעס. ער האט שוין געוואלט ליינען 'דער איד' [די סאטמארע צייטונג אין יענע צייט] דאנערשטאג צופרי, נאך פארן דאווענען.

די מלמדים האבן אים מעורר געווען, אז עס איז נישט אויס געהאלטן פארן דאווענען צו ליינען א צייטונג. זאגט דער מלמד, "נא, איך גיי פרעגן א שאלה".

דער אראדער רב איז דאך געווען יעדן דאנערשטאג אין חדר צו פארהערן. [איך האב געהאט די זכי' אים משמש צו זיין פיל מאל, און אים אנגרייטן דעם פרישטאג]. גייט דער חשוב'ער מלמד צו, צום אראדער רב, און ער פרעגט אים אזוי "איך האב געוואלט פרעגן, מיין קאפ האט זייער ליב די וועלט נייעס, איך קען פשוט נישט דאווענען רואיג, וואוסענדיג אז עס איז דא א חרד'ישע צייטונג וואס ברענגט די נייעס, און איך ווייס עס נאך נישט, וויל איך וויסן צי איך מעג ליינען פארן דאווענען, עס וועט מיר פשוט העלפן צו דאווענען מיט מער כוונה".

דער מלמד האט זיך איינגערעדט, אז אראדער רב מיט זיין תמימות, וועט אים תיכף מתיר זיין. אבער אראדער רב, דער פיקח עצום, האט אים תיכף אריין געגעבן די ריכטיגע מוסר פארציע, פארשטייט זיך מיט זייער א איידעלע בכבוד'יגע שפראך. אז א איד גרייט זיך אנדערש צו צום דאווענען ווי ליינען א צייטונג, און זיך אנפולן דעם קאפ מיט נייעס.

עס איז נאך דא אסאך צו רעדן און דערציילן פון דעם אדם הגדול, דער אראדער רב ז"ל.

## שיר השירים אשר לשלמ"ה

מערקווירדיג איז צו הערן שטריכן וואס עס דערציילט דער לאנג יעריגער משמש דקהל יטב לב, הרב החסיד רבי שלמה ווערצבערגער הי"ו, וועלכער האט שוין עוסק געווען אין די עבוהד"ק אין ביהמ"ד הגדול אויף ראדני סט. מיט איבער 40 יאר צוריק לימין אביו הרה"ח רבי יחזקאל משמש ז"ל. און היות דער אראדער רב פלעגט זיצן מערערע שעות אין ביהמ"ד הגדול על התורה ועל העבודה, האט ער געהאט א געלעגענהייט מיטצולעבן דעם גברא רבא פון אן אייגנארטיגן קוק-ווינקל.

"אין יענע יארן איז געווען מיין תפקיד אין ביהמ"ד הגדול ארויסצוהעלפן מיין טאטן ע"ה מיטן פאקן די ספרים אין ביהמ"ד הגדול, וואס די ארבעט איז בעיקר געווען ערב שבת און מוצאי שב"ק".

דער אראדער רב ז"ל פלעגט דארט כסדר זיצן און לערנען, און ער האט כמה פעמים ארויסגעדרוקט זיין השתוקקות צו האבן א חלק אין די מצוה פון פאקן ספרים, נאר זייענדיג א זקן בא בשנים, און אויך צוליב זיין קערפערליכע גבורי איז אים שווער אנגעקומען דאס זיך שטארק באוועגן און זיך אפגעבן מיטן פאקן ספרים, איז ער אויפגעקומען מיט א געניאלן געדאנק.

אין ביהמ"ד פלעגן זיך ארומדרייען קינדער, האט ער געמאכט א קביעות מיט עטליכע קינדער אז ער וועט מיט זיי לערנען א משך זמן יעדן ערב שבת, גמרא אדער חומש רש"י, וואס עס קומט זיי אויס בעסער, און די 'תשלומין' וואס זיי האבן אים באצאלט איז געווען דאס אז זיי האבן געהאלפן מיטן פאקן ספרים אנשטאט איהם.

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט זיינע לימודים, האט זיך אנגעהויבן די עבודת הקודש מיטן לייגן די טישטוכער אין פאליש, אין די שטיבלער אונטן. עס איז לא יאומן כי יסופר וואס פארא עבודה ער האט אראפגעלייגט דערביי.

אנגעהויבן האט זיך דאס מיט א 'לשם יחוד' פאר ער האט געלייגט יעדן טישטוך האט ער עקסטער געזאגט א 'לשם יחוד' און דאן האט ער געזאגט "לכבוד שבת קודש" מיט א נעימות'דיגע שטימע, און געזאגט פארן אינגל וואס האט אנגעהאלטן דעם טישטוך פון די צווייטע זייט "שיין אויסציהען, לכבוד שבת קודש"... ער האט געהאט א טעפל וואסער נעבן זיך מיט וואס ער האט אראפגעגאסן אויף די עקן פונעם טישטוך, אז עס זאל אביסל קלעבן און זיך נישט אוועק רוקן.

דערויף פלעגט ער מיר געבן אפאר דאלאר, יעדע וואך עקסטער האט ער מיר געזאגט "גיי אריבער צו באנדא'ס גראסערי, און קויף פיר גרויסע לעכט וואס ברענגען א גאנצן טאג, איך מאך דיך א שליח אנצינדן די לעכט לכבוד שבת קודש לעילוי נשמות שמות הנעדרים, לכבוד שבת קודש פאר די מענטשן וואס האבן נישט ווער עס זאל צינדן פאר זיי א לעכט"...

איך פלעג יעדע וואך אנצינדן די פיר לעכט ביים עמוד אין ביהמ"ד הגדול, אין פאליש, און אין די שטיבלער אונטן.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**